**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 23'סטע יערליכע דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע יריד**

***יערליכע קאריערע יריד מיט 8,300 געלעגנהייטן פון מער פון 150 ביזנעסער וועט פארקומען דאנערשטאג, אפריל 6***

***מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס זענען פארבעטן זיך צו איינשרייבן פון פאראויס [דא]***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די 23'סטע יערליכע מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע יריד וועט אפגעהאלטן ווערן אום דאנערשטאג, אפריל 6, 2023, ביי די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער אין אלבאני, פון AM11 ביז PM3 . מער פון 150 ביזנעסער אפפערנדיג 8,300 דזשאב געלעגנהייטן זענען ערווארטעט זיך צו באטייליגן און אפפערן דזשאב אינטערוויוס אויפן פלאץ מיט פארטרעטער פון די פירמע. מענטשן וועלכע זוכן א דזשאב קענען זיך אויך באנוצן מיט הילף מיט זייערע רעזומעיס און א פראפעסיאנאלע פאטאגראפירער צו צושטעלן פראפעסיאנאלע בילדער פאר מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס. די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט האלט אויך אפ א [סעריע פון אומזיסטע קלאסן] צו העלפן מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס זיך צו צוגרייטן בעפאר די צוזאמקום. דער פראגראם – וואס ווערט געספאנסארט צוזאמען דורך די אפיס פון די טשיעף דיסאביליטי אפיסער און די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) – איז אומזיסט פאר מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס און פאר די באטייליגטע ביזנעסער.

"מיר זענען גאר באגייסטערט צו ענטפאנגען ניו יארקער וועלכע זוכן דזשאבס צוריק צו די עמפייער סטעיט פלאזא פאר די דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע יריד און זיי העלפן מאכן 'שידוכים' צווישן אונזער פעאיגע ארבעטסקראפט און די ביזנעסער וועלכע טרייבן אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך מוטיג אלע מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס צו באזוכן די בעפארשטייענדע דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע יריד און אויסנוצן די פילע הילפס-מיטלען וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך די ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט צו פארשנעלערן זייער דזשאב זוכעריי."

די באטייליגטע ווערן געמוטיגט צו קומען אנגעטוהן פראפעסיאנאל און צו מיטברענגען עטליכע קאפיעס פון זייערע רעזומעיס. צווישן די ביזנעסער וועלכע זענען ערווארטעט צו קומען אויפנעמען ארבייטער רעכענען זיך:

- ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס
- Albany Medical Center
- טרו-וועי אויטאריטעט
- FedEx
- די סיטי אָוו אלבאני

- פאראייניגטע שטאטן פאסט סערוויס
- Price Chopper/Market 32 סופערמארקעטס
- The Arc of Rensselaer County
- Sunmark Credit Union
- ניו יארק סטעיט אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Information Technology Services)

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "אויב זוכט איר א דזשאב אדער אויב טראכט איר צו טוישן אייער קאריערע, איז יעצט די צייט צו אונטערנעמען שריט. די יערליכע קאריערע יריד האט שוין געהאלפן הונדערטע ניו יארקער מיט אלע שטאפלען פון ערפארונג צו טרעפן באגייסטערנדע נייע קאריערעס. איך מוטיג מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס צו אויסנוצן אונזערע אומזיסטע קלאסן צו באקומען אן איבערהאנט איבער זייער קאנקורענץ — מיר קענען אייך העלפן טרעפן א קאריערע וואס איר וועט ליב האבן."

**טשיעף דיסאביליטי אפיסער פון ניו יארק סטעיט, קימבערלי היל רידלי, האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו זיין א קאָ-ספאנסאר פון די וויכטיגע צוזאמקום צוזאמען מיט אונזערע קאלעגן ביי די לעיבאר דעפארטמענט וועלכע זענען געווען געוואלדיגע שותפים זינט אונזער אפיס איז אויפגעשטעלט געווארן עטוואס מער פון א יאר צוריק. איך מוטיג שטארק ניו יארקער מיט דיסאביליטיס וועלכע זוכן ארבעט זיך צו באטייליגן ביי די אהערגעשטעלטע קאריערע יריד. גאווערנער האקול האט געלייגט דאס העכערן די באשעפטיגונג ראטע פון מענטשן מיט דיסאביליטיס אלץ א הויפט פריאריטעט פון אונזער אפיס. זיך באטייליגן אין די גאר אריינגעמיגע קאריערע ירידים וואס די NYSDOL האלט אפ איז איינס פון די וועגן דורך וועלכע ארבעט קאנדידאטן מיט דיסאביליטיס קענען גרינגערהייט אנקומען צו ארבעטסגעבער וועלכע וועלן זיך פרייען צו אויפנעמען דיסעיבעלד מענטשן."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישאנער, דזשינעט מאָי, האט געזאגט,** "די אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס איז באגייסטערט זיך צו אנשליסן מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט רעגירונג צו אפהאלטן די 23'סטע יערליכע דר. מארטין לוטער קינג דזשוניאר קאריערע יריד. מיר לאדענען איין מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס צו קומען צו די עמפייער סטעיט פלאזא קאנווענטשען צענטער וואו זיי וועלן האבן די געלעגנהייט זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט ארבעטסגעבער און לערנען איבער די ברייטע אויסוואהל פון דזשאבס און טרענירונג געלעגנהייטן וועלכע זענען דא."

די הויפטשטאט דיסטריקט טראנספארטאציע אויטאריטעט (Capital District Transportation Authority, CDTA) וועט צושטעלן אומזיסטע שאָטלס פאר די באטייליגטע פון די קאריערע יריד. די שאָטל וועט ארויספארן יעדע 15 מינוט פון am10 ביז pm4 פון די Lincoln Park Pool House, און עס וועט אראפלאזן די באטייליגטע ביי די אריינגאנג צו די עמפייער סטעיט פלאזא אויף Madison Avenue.

**CDTA'ס CEO קארם באסיל האט געזאגט,** "מיר זענען שטאלץ צו ווידעראמאל זיין א שותף אין דעם מארטין לוטער קינג קאריערע יריד. פארבינדן אונזער קאמיוניטי מיט אזעלכע געלעגנהייטן איז גענוי דאס וואס האלט אונזער ראיאן בליהענדיג און רוקנדיג פאראויס. מיר האפן אז מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס וועלן אויסנוצן די באקוועמע, אומזיסטע סערוויס און טרעפן די דזשאב וואס איז ריכטיג פאר זיי."

אין יאנואר פון 2022 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א פראקלאמאציע, אונטערנעמנדיג פונדאסניי פאר ניו יארק סטעיט זיך צו האלטן צו די ווירדן פון פרייהייט, גערעכטיגקייט, יושר און פרידן פאר וועלכע דר. קינג האט געקעמפט. אלץ טייל פון די באנייטע אונטערנעמונג האט ניו יארק סטעיט אפגעהאלטן א סעריע געשעענישן באעהרנדיג די לעבן און שאפן פון דר. קינג, אריינרעכענענדיג א

יערליכע אנדענק טאג צוזאמען מיט א ספעציעל-פראדוצירטע פילם, ביכער דרייווס, עסנווארג דרייווס און דאס אוועקשטעלונג פון א סטודענט קונסטווערק און שרייב ארבעט אויסשטעלונג ביי די עמפּייער סטעיט פלאזא און די "Progress to Power" (פארשריט צו מאכט) אויסשטעלונג אין די קאפיטאל געביידע איבער ניו יארק'ס סאמע ערשטע טונקל-הויטיגע געזעצגעבער. דער דר. קינג קאריערע פעיר איז איינע פון די מערסט אנטיילגענומענע פראגראמען אין דעם ראיאן.

מענטשן וועלכע ווילן זיך באטייליגן ביי דעם יריד זענען געמוטיגט זיך צו איינשרייבן אויף די אינטערנעט. פלעצער זענען באגרעניצט — רעגיסטרירט אייך ביטע ווי שנעלער.

די NYSDOL האלט אפ אויף א רעגלמעסיגן אופן ווירטואלע קאריערע ירידים און צוגעפאסטע רעקרוטירונג געשעענישן, דינענדיג טויזנטע ביזנעסער און מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס ארום ניו יארק סטעיט. צו לערנען מער, באזוכט labor.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן